№ 30 · Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • עלפטער יאָהרגאַנג. · פרייז 20 גראָשען. · „CZENSTUCH WER CAJTUNG".

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 12

# טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, d. 22 lipca 1932 · ליכט-צינדען 7.25 · פרייטאָג, פ׳ פנחס י״ח תמוז תרצ״ב.




## ווערטפול, נאָהרהאַפט און ערפרישענד

### איז און ווערט שטענדיג בלייבען עטקער׳ס פודינג!

די הויז-ווירטין, וועלכע פיהלט זיך פעראַנטוואָרטליך פאַר׳ן געזונד-צושטאַנד פון דעם הויזגעזונד ווערט וואס עפטער דערלאַנגען אויפ׳ן טיש עטקער׳ס פודינג.

דעם נאַהרהאַפטען און געשמאַקען עטקער׳ס פודינג עסען גערן אַלט און יונג. דאס צוגרייטען פונ׳ם פודינג לויט דער פאָרשריפט איז זעהר לייכט. נעמענדיג אין אַכט זיין גרויסע נאַהרונגס-ווערט קאָן מען איינשפאָרען אויף אַנדערע זאכען.

עטקער׳ס פרעפּאַראַטען בעקומט מען איבעראַל. עס איז נישט פערהאַן עפּיס בעסערס. פּרובט עס אויס נאָך היינט.

**Dr. August Oetker, Oliwa**

## התראה.

איך בין מתרה מיין לאָקאַטאָר **חיים זילבערשטיין, וואַרשאַווער 36** אַז ער זאָל ביז דעם 1-טען שעפּטעמבער ד. י. בעצאָהלען דעם חוב דירה-געלד פאַר אַנדערטהאַלבען יאָהר צייט, וואס בעטרעפט די סומע פון 675 זל., אַנדערש וועל איך זיין געצווינגען אויסצופיהרען די עקסמיסיע.

גלייכצייטיג ערקלער איך עפענטליך, אַז טאָמער וועט ער מיר אָבגעבען די דירה ביז׳ן 1 קומענדען חודש שענק איך איהם די גאַנצע סומע.

**יוסף רוזשאַנסקי.**

## Magistra farmacji

poszukuje posady praktykantki w Częstochowie bezpłatnie, a na prowincji za utrzymanie. Wiadomość w redakcji.

## ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביי דער מאַגאַזין-סעקציע פון יודישען שניידער - צעך צוליעב דער אכזריות׳דיגער האַנדלונג לגבי מיינע בעלי-מלאכות. איך פערזיכער, אַז אַזעלכעס וועט מעהר נישט פאָרקומען.

אַלס סימן פון חרטה שפּענדע איך 2 זלאָטעס פאַר׳ן יוד. שפּיטאָל.

**י. נודעלמאַן.**

זונטאָג כ׳ תמוז, דעם 24 יולי 1932 י. 4 נאָכמיטאָג וועט אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַלעע קאָשטשושקי 16, פאָרקומען

### א פאָלקס - אַקאַדעמיע

לכבוד דער 28-טער יאָהרצייט פון

### ד״ר טעאָדאָר הערצל

און 10 יאָהר זינט דער בעשטעטיגונג פון פּאַלעסטינא-מאַנדאַט דורכ׳ן פעלקער-בונד.
איינגאַנג פריי.




## ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביים ה׳ לייבוש צוקערמאַן פאַר מיין אונטאַקטישען שריט לגבי איהם.

איך האָב באמת חרטה און פערזיכער, אַז אַזעלכעס וועט מעהר נישט פאָרקומען.

**משה לענטשיצקי**




מיר האָבען די עהרע בעקאַנט צו מאַכען דעם ג׳ פּובליקום, דאס פון היינטיגען טאָג אָן האָבען מיר ארויסגעלאָזט אין פערקויף

### דאס אויסגעצייכענטע געטראַנק פון אָריגינעלען פּאָמאַראַנצען = זאַפט א. נ.

# „CATANIA",

### וועלכער וועט זיין דער אמת׳ער נעקטאַר פאַר מבינים.

מיט אַכטונג **זאָדע-וואַסער-פאַבריק „אורסוס".**

## Szkoła Rzemieślniczo - Przemysłowa dla Żydów

w Częstochowie, Garncarska 8

zawiadamia, że przyjmuje zapisy z dniem 15 maja do oddziałów ślusarsko-mech., stolarskiego i elektrotechn.

Zgłoszenia przyjmuje kancelarja w godz. od 9-ej do 2-ej.

## זוכסט געלד און גליק?

געפינסטו עס אין דער גליקליכסטער קאָלעקטור פון

# באַרזיקאָווסקי

## וואַרשאַווסקאַ 9,

וואו ס׳איז דאָנערשטאָג ארויס דאָס **הויפּט - געווינס** אין דער 3-טער קלאַס פון דער מלוכה-לאָטעריע אויפ׳ן נומער **102,917**

# 60,000 זל.




צו דער חתונה פון אונזער חבר און פריינד **קלמן שמולעוויטש** מיט פרל. **סאַלע פעלטע** אונזער הארציגסטען מזל-טוב

יאַדזיאַ בראַניאַטאָווסקאַ און לייזער יאַזשאַמבעק.

מזל - טוב ווינשען מיר אונזער שוועסטער און שוועגערין **סאַלע פעלטע** צו איהר התונה מיט ה׳ **קלמן שמולעוויטש.** זאָל זייער צוזאַמענבונד זיין א גליקליכער און צופרידענער

משה גאָלדבערג און פרוי
זיסער לאַפּידות און פרוי (קלאָבוצק).

מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליד **אברהם ווילהעלם** און פרוי צו זייער ניי-געבוירען **זוהנדעלע**

ערציהט איהם גליקליך.

**פערוואַלטונג פון טישלער-צעך**
אין טשענסטאָכאָוו.

צו דער התונה פון אונזער זוהן, ברודער און שוואָגער **הירשל יאַזשאַמבעק** מיט פרל. **רעגינאַ קאַפּלאַוויטש** וועלכע איז פאָרגעקומען אין אנטווערפען אונזערע הארציגסטע ברכות.

עלטערן יאַזשאַמבעק, דאָראַ און בן-ציון שווערטשעווסקאַ
קלאָבוצק.

צו דער חתונה פון אונזער ברודער **הירשל יאַזשאַמבעק** מיט פרל. **רעגינאַ קאַפּלאַוויטש** וואס איז פארגעקומען אין אנטווערפען (בעלגיע) דעם 19 ד. ח. אונזער הארצינסטען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט

ווינשען לייזער יאַזשאַמבעק און יאַדזיאַ בראַניאַטאָווסקאַ

## זייט וויסען,

### אַז דאס מאַנופאַקטור = געשעפט פון

# ל. לעדערמאַן

בערעק יאָסעלעוויטש № 2

### איז איבערגעטראָגען אויף 1-טע אַלעע № 7

פראָנט-געוועלב.

איך עמפּפעהל זיך די געעהרטע קונדשאַפט מיט אַלערליי מאַנופאַקטור = סחורות.
סאָלידע בעהאַנדלונג! ביליגע פּרייזען!

מיט אַכטונג
**ל. לעדערמאַן, 1-טע אַלעע 7.**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פריינד

### מרדכי הערמאַן און פרוי

צום טויט פון זייער מוטער און שוויגער

### נ״ע גיטל געלקאָפּ

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**משה גאָלדבערג און פרוי.**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר

### משה יצחק געלקאָפּף

צום טויט פון

# גיטל

זיין פרוי נ״ע

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פערוואַלטונג פון יודישען
**בעקער און צוקערבעקער-צעך.**

